בס"ד
כ"ח כסלו תשמ"ב
דאָנערשטיק דעם 24סטן דעצעמבער 1981 -

29.12
7.1

טײַערער שלמה בירנבוים!

וואָס מאַכט איר? איך האָף אַז איר האָט פֿאַרבראַכט אַ פֿרײַלעכן חנוכה. איך האָב געפּרוּווט אויספֿועלן אַ סטודענטישע הלוואה כדי צו קענען פֿאָרן אויף דער שׂמחה לכבוד אײַער נײַנציקסטן געבוירן-טאָג דעם 13טן דעצעמבער. צום באַדויערן האָט זיך דאָס ניט אײַנגעגעבן, האָף איך אַז איר האָט לכל הפּחות באַקומען צו דער צײַט די טעלעגראַמע וואָס כ'האָב געשיקט. זאָלט איר האָבן אַ סך אַ סך שפּעטערישע געזונטע יאָר ביז הונדערט און צוואַנציק און אַ סך מער אָמן!

אײַער בריוו פֿונעם 12טן יולי איז געלעגן בײַ אַ שכן (צו וועמען די פּאָסט האָט אים על פּי טעות געבראַכט) און ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז ער צו מיר דערגאַנגען.

לויט אײַער בקשה וואַרף איך אײַך אַרײַן אַ פֿאָטאָקאָפּיע פֿונעם „אייביקן אלף". אויך לעצטן זומער אין קאָלאָמביע זײַנען די דרײַ-וואָכיקעס (אויך פֿירוואָכיקעס, למשל אין צווווקס) געווען אַ סיעוט.

עטלעכע קשיאלעך:

(א) אויב ס'זאָל זיך מיר אײַנגעבן פֿאָרן אין טאָראָנטאָ אין משך פֿון איצטיקן יאָר וואָלט איך זיך געקענט מיט אײַך באַגעגענען? ס'וואָלט מיר געווען דער גרעסטער כּבֿוד אין מײַן לעבן.

(ב) אין ס. ווײַנרײַכס בילדער (...), ווילנע 1928 שרײַבט ער אַז ייִדיש איז בערך 700-800 יאָר אַלט. אין אײַער אַרבעט איבער ייִדיש וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין יודישעס לעקסיקאָן 1929 שרײַבט איר אַז ייִדיש איז בערך 1000 יאָר אַלט. שפּעטער (גראָד אין 1939, אין זעלביקן יאָר פֿון אײַער ברייטער אָפּהאַנדלונג דערוועגן אין די טראַנסאַקציעס) האָט אויך ווײַנרײַך פֿאַרגעלייגט אַז ייִדיש איז אַ יאָרטויזנט אַלט. אויף ווי ווײַט איר ווייסט, צי זײַט איר געווען דער ערשטער דאָס צו פֿאָרמולירן?? צי האָט איר אָט די מיינונג געדרוקט צום ערשטן מאָל אין 1929?

(ג) איך אַרבעט איבער אַן אַרטיקל וועגן עלטער פֿון ייִדיש אַצינד צוקומענדיק צו דער פּראָבלעם „רײַן לינגוויסטיש" ד"ה ניט היסטאָריש-סאָציאָלאָגיש, אויך ניט פֿילאָלאָגיש (אינעם זין פֿון טעקסטועלע אַנאַליזן) ניט ווײַל איך האַלט ניט פֿון יענע שיטות נײַערט מחמת דעם וואָס איך האַלט אַז אָפֿט קען █ אפשר דערווײַזן אַ הויכן עלטער פֿון ייִדיש אויף אַן אַנדער אופֿן.

לאָזנדיק אָן אַ זײַט די פֿראַגע פֿון ספּעציפֿישע דאַטעס, איז די פֿראַגע צי איז ייִדיש רעלאַטיוו יונג (למשל פֿון דרײַצעטן-פֿערצעטן יאָרהונדערט ווי ס'האַלטן בן-נון און זיסקינד) צי רעלאַטיוו אַלט (ב ע ר ך טויזנט יאָר ווי איר האַלט) נאָענט געקניפּט מיט דער פֿראַגע פֿון אַ פּראָטאָ ייִדיש. מאַרשאַן האָט זיך דאָך געסטאַרעט צו דערווײַזן אַז ס'זײַנען לכתחילה געווען אַ סך „ייִדישן".

איך טענה אַז אויב מיר נעמען אין באַטראַכט די גרויסע צאָל פּאַראַלעלע אַנאָמאַליעס (למשל באַלעבאָס, תּוכחה, לאָזן, הויקער) וואָס זײַנען אַנאָמאַל לגבי די „שמעלצוואַרגשפּראַכן" מוזן מיר קומען לידי מסקנא אַז כּמעט אַ באַטײַטעוודיקער חלק פֿון אַלע מיזרחדיקע און מערבֿדיקע דיאַלעקטן פֿון ייִדיש שטאַמען פֿון אַ פּראָטאָ ייִדיש, אַניט איז ██ אוממעגלעך צו פֿאַרשטײן די „אַנאָמאַלע געגליכנקייטן צווישן די ייִדישן פֿון קיעוו, אַמסטערדאַם, עלזאַס א.ון פּראָג.

איך וויל אײַך ניט צופֿיל נודיען, וואָלט איך אײַך געדאַנקט ווען איר קענט מיר בײַ אַ געלעגנהייט לאָזן וויסן אײַער מיינונג בנוגע אַזאַ מעטאָד ווי אַ צוגאָב-ראיה צו די אַלע ראיות וואָס איר האָט שוין געבראַכט צום ענין.

מיט יראת הכּבֿוד און פֿרײַנדשאַפֿט בלײַב איך אײַער תּלמיד

דוד קאַץ

װערטער: ראַנדי האַקער
מוזיק: ל. פּ. בײסאָחן

## דער אײביקער אלף

אלף אלף אײביקער אלף
שטענדיק צװישן װאָחן דרײַ

אלף אלף אײביקער אלף
בלײַבן מיר דאָך דיר געטרײַ

לאַנג זאָל לעבן דער אײביקער אלף
צו אַ פּינטל זאָגן מיר: פּע!

און דרײַ װאָחן נאָכאַנאַנד
זאָל מען טרײַבן?

ח ל י ל ה!